# פּ ר אָ ט אָ ק אָ ל

פון דער באַראַטונג פון די פאָרשטייער פון דער צענטראַלפאַרוואַלטונג

פון „אָרט" און דער אייראָפּעאישער דירעקציע פון

דזשוינט.

צווייטע זיצונג, דעם 30טן אויגוסט 1923.

## אָפּרעכענונג פאַר די פריערדיגע אַסיגנירונגען

וועגן דעם פאָרשלאַג פון ה' ח י ס ע ל ע ס, וועלכער איז געמאַכט געוואָרן אויף דער זיצונג דעם 29טן אויגוסט ערקלערן די פאָרשטייער פון „אָרט"

פּרינציפּיעל שטימט „אָרט" אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז ער דאַרף אומקערן דעם ד.ד.ק. אויסשליסלאַך די סומען, וועלכע ער באַקומט פאַקטיש צוריק פון די אָפּעראַציעס מיט די 114 טויזנט דאָלאַר, און ערשט דעמאָלט ווען די געלדער פליסן אַריין אין צענטראַלע פון „אָרט". נעמענדיג אָבער אין אַכט די פּראַקטישע צוועקמעסיגקייט פון דעם פאָרשלאַג, איז „אָרט" גרייט אים אָנצוער- קענען אין פאָלגענדער פאָרם:

נעמענדיג אין באַטראַכט, אַז די אָפּעראַציעס האָבן זיך געצויגן אויך אין יאָר 1923 און „אָרט" האָט ווייטער געהאַט היזק פון געלטענטווערטונג, לייגט פאָר „אָרט" אומצוקערן דעם ד.ד.ק. די סומע פון 20.000 דאָלאַר.

נעמענדיג ווייטער אין באַטראַכט, אַז די איינמאָליגע אויסצאָלונג [illegible]ן די 20 טויזנט דאָלאַר וואָלט געצוווּנגען דעם „אָרט" צו פאַרקירצן זיין אַרבעט אויף געוויסע געביטן, לייגט פאָר „אָרט" אומצוקערן די סומע אין פאָלגנדע ראַטעס: 10 טויזנט דאָלאַר ווערן איצט אָפּגערעכנט פון דער אַסיגנירונג 130 טויזנט דאָלאַר, און די איבעריגע 10 טויזנט דאָלאַר וועט „אָרט" איינצאָלן אין צוויי טערמינען: דעם 1טן סעפּטעמבער 1924 און דעם 1טן סעפּטעמבער 1925.

ה' ח י ס ע ל ע ס ערקלערט, אַז ער קען איינגיין אויף דעם פאָר- שלאַג פון 20.000 דאָלאַר, אָבער ניט אויף דעם פאָרשלאַג וועגן די טערמינען פון די צאָלונגען.

עס ווערט באַשלאָסן: אויף צו ליקווידירן אַלע אַלטע אָפּרעכענונגען ווערט 15.000 דאָלאַר אָפּגערעכנט פון דער אַסיגנירונג 130 טויזנט דאָלאַר, און די איבעריגע 5.000 דאָלאַר וועט „אָרט" איינצאָלן דעם ד.ד.ק. דעם 1טן אָקטאָבער 1924.

## אַסיגנירונגען פאַר איינצעלנע לענדער

ווערט ענדגילטיג פעסטגעשטעלט פאָלגענדע אַסיגנירונגען (איינשליסנדיג די אַסיגנירונגען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף דער זיצונג פון 29טן אויגוסט 1923):

1) פּוילן.

די אַסיגנירונג פון 40.500 דאָלאַר אויף פּראָפ. בילדונג ווערט פאַר- קלענערט אויף 1.000 דאָלאַר. עס בלייבט אַלזאָ 888 39.500 דאָלאַר. געענדערט ווערט די צוגאָב-אַסיגנירונג אויף אומזעץ-קאַפּיטאַל (פּונקט ז פון פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון 29טן אויגוסט): אַנשטאָט 5.000 דאָלאַר 4.000 דאָלאַר.

7.000

2) ליטע

| | |
|---|---|
| אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע הלוואות | 3.000 דאָל. |
| „ אינסטרוקטאָרן פאַר לאַנדווירטש. | „ 1.250 |
| „ פּאַטראָנאַטן | „ 562,50 |
| „ קאָנקורסן | „ 1.179,50 |
| „ אויסהאַלטן פּראָפ. שולן | „ 10.672 |
| „ אויף די געבײַדע פאַרן „הויז פאַר ייִדישע אַרבעט" אין קאָוונע | „ 8.000 |
| „ אומזעץ-קאַפּיטאַל פאַר די שולן | „ 1.000 |
| בסך הכל | 25.664 דאָלאַר |

d06C055 12

## 3) לעטלאַנד

| | | |
|---|---|---|
| אויף אָוונטקורסן אין ריגע | 250 | דאָלאַר |
| " די פּראָפ. שול | 1.400 | " |
| " " " " ליבוי | 1.850 | " |
| " " " " דווינסק | 1.000 | " |
| " אומזיסט-קאַפּיטאַל | 400 | " |
| בסך הכל | 4.900 | דאָלאַר |

## 4) רומעניע

| | | |
|---|---|---|
| אויף די לערנוואַרשטאַטן פאַר סטאָלערײַ (קעשענעוו) | 860 | דאָלאַר |
| " " אָוונטקורסן פאַר צושנײַדערײַ (בוקאַרעסט) | 365 | " |
| " " 2טע פּראָפ. טײַדלשול (קעשענעוו) | 360 | " |
| " " אָוונטקורסן פאַר שנײַדערײַ | 85 | " |
| " " לערנוואַרשטאַטן פאַר סטאָלערײַ און דאַמען-שנײַדערײַ אין אָרייעוו | 370 | " |
| שלאָסערײַ אין בענדער | 575 | " |
| " " לערנוואַרשטאַטן פאַר דאַמענשנײַדערײַ און סטאָלערײַ אין בעלץ | 521 | " |
| דאַמענשנײַדערײַ אין יאַסי | 200 | " |
| " " אומזיסט-קאַפּיטאַל | 750 | " |
| בסך הכל | 4.086 | דאָלאַר |

## 5) צענטער אין בערלין

| | | |
|---|---|---|
| אויף אָרגאַניזאַציאָנס-הוצאות | 8.500 | דאָלאַר |
| " צוגרייטן לערער און אינסטרוקטאָרן | 4.000 | " |
| סך הכל | 12.500 | דאָלאַר |

## 6) אויף אײַנקויפן מאַשינעס און מכשירים

10.000 דאָלאַר

**אַלגעמיינער סך הכל 115.000 דאָלאַר**

באַשלוס וועגן דער „הויז פאַר אַרבעט" אין קאָוונע:

די אַסיגנירונג פון 8.000 דאָלאַר ווערט געמאַכט מיט דער באַדי[ngung] גונג, אַז פון אַנדערע קוועלן אויסער ד.ד.ק. זאָל אויף דעמזע[lben] צוועק געגעבן ווערן נים ווייניגער ווי 4.000 דאָלאַר.